די האָרעווען און שאפען — און קיין ברויט ניט צו זאַט !
אין איין לאַנד וואָס איך זעה זיך אָן
וואָס דאָרטען צוטהוט א טיראַן :
בעשאפט זיך אַנ׳אינקוויזיציאָן,
בלוט פלייצט דאָרט ווי פון א קראַן,
די בעסטע לייטע ווערען געשטיקט,
דאמען ברייגגט ער אין גרויס נויט ;
נאָך סיביריען ווערען זיי פערשיקט,
און לאָזט זיי פערשמייסען אויף טויט.

4

דאָרטען צוקריגען זיך צוויי דיפּלאָמאַטען :
מען האָט מיט א וואָרט זיין קייזער בעריהרט,

ווערט פלוצלונג „נאַבאָרען“ א קינד פון א טאַטען,
מיליאָנען ווערען דאָרט צום שלאַכט-פּלאַץ געפיהרט,
דאָרט שניידט מען מענשען גאַר אָהן רחמנות,
דאָרט קייקלען זיך קעפּ, די בלוט איז נאָך הייס,
דאָרט קלאָגען יתומים, דאָרט שרייען אלמנות,
דאָרט זעטיגען זיך פייגלעך מיט זייער טאָטענס פלייש !
די הרוגים צעוואָרעמט די זון,
דען ווער וועט עס קוקען אויף זיי ? !
די לופט ווערט פערדאָרבען דערפון,
עס צעלייגט אין שטעדט מענשען ווי היי !
וואָס האָסטו מיך גאָט איינגעבויגט,
איך מוז געהן אזוי נאָהענט צו דר׳ערד ?
איך זאָל זעהען ווי עס ווערט דאָ צעלייגט
אַ האלבע מדינה פון שווערד ! —

5

איך קען עס אויך ניט צוזעהן די גרויסע רציחות
וואָס א טיראַן צעטהוט איצט, איבער א שוואכע נאַציאָן,
וואָס איך געדיינק נאָך איהר ייִדען, איהר אדעל,
איהר יחוס
ביז דוד, ביז משה׳ן, ביז אברהם׳ען אָן.
פון פרעה׳ן אַ ערשטען, וואָס זיי האָבען צעליטען !
פון כשדים, פון בבל, עמלק, אַרם ;
פון רוים, פון שפּאַניע, געברענט, געשניטען
און ביי דיעזען טיראַן נאָך עד היום !
דעם נאָמען האָט ער זיי פארשוועכט,
און טרייבט זיי ארום אויף דער וועלט,
ער גיט זיי קיין מענשליכע רעכט
און זויגט זייער בלוט, זייער געלט !
געפינען קיין רעכט אין געריכט,
וואָס אונגלויבליך, קען זיי אלץ געשעהען —
איהר וואָלקען פערדעקט מיין געזיכט,
איך קען די ר צ י ח ו ת ניט זעהען ! —

SIDE II

Band 1

רחל מבכה על בניה

(דער מוטער רחל׳ס געוויין)

כה אמר ה׳ קול ברמה נשמע נהי בכי
תמרורים רחל מבכה על-בניה מנאה להנחם
על-בניה כי איננו (ירמיה ל״א מ״ו).

1

די זון האָט אָנגעוויזען אין מערב זייט,
מיט די רויטע פלאמען, אז זי נעהמט אבשייד,
און די נאָכט מיט איהר פינסטערקייט,
האָט אָנגעטהאָן די ערד אין א שוואַרצע קלייד.
די וועלט מיט איהרע לייט שוויינען שטום,
די נאַטור שלאָפט — סאַי בערג, סאַי טהאָל,
די לבנה געהט זיך גאַנץ שטיל אַרום,
פון די שטערען הערט מען אויך קיין קול ;
נאָר א שטימע די שטילקייט צושלאָגט,
א קול פון א פרוי וויינט און קלאָגט,
מיט די פידעל שפּיעלט זי נאָך צו
אַ טראַגישע מעלאָדיע ;
פון איהר ניגון, פון איהר געוויין,
קען די כוחות אויסגעהן,
און שרייט נעבעך פון איהר געצעלט :
— פערוואָגעלט בין איך אויף דער וועלט !

2

אַ קורצע צייט האָב איך נחת געהאַט,
בשעת גאָט האָט אייך אין אייער לאנד געשטיצט ;
דער מזבח איז געווען מיט קרבנות זאַט,
די כרובים מיט די פליגלען האָבען אייך בעשיצט,
דוד׳ס קינדער אין א קרוין געקליידט,
דער כהן גדול אין זיין קאָסטיום,
און די סנהדרין — ווי א געפלאנצטער בייט,
און דער בית-המקדש — ווי א פריהלינגס-בלום !
דריי מאָל אין יאָהר אין דער צייט,
געקומען פון נאָהענט און פון ווייט :
דער ברייגגט קרבנות צום שלאַכט,
און דער האָט ביכורים געבראַכט !
לוים האָבען מיט כלים געשפּיעלט,
דער איד האָט זיך הייליג געפיהלט,
די גאסען מיט פרעהליכקייט זאַט, —
דאַן האָב איך נחת געהאַט !

3

אָבער ציון האָט פערלאָרען איהר פערגעניגען,
איהר מאַיאָנטעק פערשפּיעלט אין קאָן ;
דער אָרט „בית-להם“, וואו מיינע ביינער ליגען,
געהט שוין אין אבלות אָנגעטהאָן !
דו, באַרג לבנון ! דו, גוטער פריינד !

צי א גוטען טאָג, צי א שלעכטען,
צי עס טונקעלט מיר, צי עס שיינט,
אבי דער היינט ווערט א נעכטען
און דער מאָרגען ווערט א היינט.
די זייגערס רק,
זיי קלאפען טאַק,
דאָס גיט מען אונז א וואונק, אז דער לעבען פליהט,
דער פאָטשטאַליאָן
זאָגט אונז אָן:
ברידער! די צייט איז קורץ, פערטראכט זיך ניט!

3

איהר יאָהרען! ווי שטריינג איהר שטראמט, ווי שטארק איהר פליעסט!
איהר שלעפט נאָך מיט זיך וואָס איהר טרעפט אָן,
און גאנצע דורות איהר פערפלייצט, פערגיעסט,
און פאלט מיט זיי אריין אין תהום,
איהר פערפלייצט אזעלכע דורות
וואָס קינסטליך געווען געמעלט,
און אויך זייער בית הקברות
פערבויט איהר א נייע וועלט.
נייע מענשען פרייע,
חכמים און גרויסע לייט,
באלד ווערען אייך אלט די נייע,
מאכט איהר מיט זיי אויך א בייט!
מיר שלאָגען פאליעס
און אייערע כוואליעס,
און איהר רייסט זיי אויס און טראָגט זיי אוועק,
דעם אלטען דור
פערפלייצט איהר גאָר —
גוואלד, דער נייער דור שטעהט אויך אין שרעק!

4

וואו זיינען די מענשען פון א דור צוריק?
וואו איז זייער שטאָלץ און הערליכקייט?
וואו איז זייער קלוגער אויגענבליק?
פערפלייצט, פערשטראמט האָט אלץ די צייט.
דער האָט א קרוין געוואונען,
דער האָט פערוויסט פיעל שטעדט,
דער האָט אינזלען געפונען,
דער א קינסטלער, דער א פאָעט;
דער בעטראכט די גרויס פון די זון,
דער האָט די גאָטהייט דערקאָנט —
וואָס האָבען זיי יעצט דערפון,
אז עס ווערט זייער נאָמען דערמאָנט?
און ווער קען דערמאָנען
די העלדען מיליאָנען,
וואָס די צייט פערשיט שוין לאנג אויפ'ן קבר דעם שטיין;
דער נאָמען מיט די ספרים
איז מיט זיי אין די קברים,
און מיט אונז וועט זי זיך אויך בעסער ניט בעגעהן.

5

אָ דו ערד, ווי גרויס זיינען דיינע מייסטערווערק
דו צוקיסט אונז אלעמען אונטער דיינע צייט
מאכסט גראָז פון מענשען, און מעטאל פון בערג
און דו בלייבסט אייביג אין דיין פארעם שטיין
דו נעהמסט א מענשען א ריידער,
אריין דאָרט אין דיין מאשין,
דו באציהסט איהם מיט נייע קליידער
און עס געהט גאָר ארויס א בין.
דער בין לעבט אויס די יאָהרען,
גיסטו איהם צו א כעמישען עסענס
און פון בין ווערט א קאָרן
און פון קאָרן איבער דאָס ניי א מענש.
און ווען איך פארגעס
ווען איך עס
פיליכט איז די ברויט די מאַרך פון מיין פערשטארבענע קינד
און מיין פלייש און ביין איז די קייטען פון דער וועלט אליין,
און ווער ווייס וויפיעל וועלטען לעב איך שוין ביז אָצינד.

6

וויפיעל מאָל האָט שוין די ערד געביטען איהר הויט,
פערטרונקען און פערשאָטען א גאנצע וועלט,
און פון אויבען א צווייטען מאָל א וועלט פערבויט,
און די פערגאנגענהייט פון אונז פערשטעלט.
זעהט מען דען היינט די חיות,
אזעלכע ווי אין דער ערד מיר זעהען, —
דאָס דיענט אונז נאָר פאר ראיות,
עס איז אַן אנדער וועלט געווען.
ווי גרויס איז זייערע ביינער,
אָ פויגעל גרויס ווי א פערד,
געפאָרמירט אין שווארצע שטיינער,
מיילען טיעף אין דער ערד.
פון די סעקונדען,
ווערען שטונדען,
טעג און יאָהרען און דורות האָט גיך געפעהלט,
די ערד דערהיצט,
און פייער שפריצט,
— אראָפּ! — און בויט פון אויבען א נייע וועלט.

7

דו נייער גאסט! דו תיו ריש למד בית!
ווייז מיר די סומקע, וואָס דו פיהרסט מיט,
אויב גוטס, טאָ מאך זשע גיכער די סומקע לויז;
אויב שלעכטס, איז גלייכער עפען ניט;
דען דער תיו ריש למד אלף,
לויטער צרות זאָט,
געקוילעט מיט זיין חלף
פיעל קינדער איך האָב געהאט.
איך ענטלויף, שוין עטוואס פרייער,
איך ווער שוין אין מינסק א גר,
און ער מיט זיין קויל און פייער
דער יאָגט מיר נאָך ביז אהער.
דו נייער יאָהר,
דיר בעט איך נאָר,
זיי כאָטש דו ניט שלעכט אזוי ווי ער,
אין דיין פליגעל שוין
ברענג וואָס גוטס,
טרייסט, און זאָג מיר שוין: „וויש אָפּ דיין טרער!“

5

דער שיינקער,
מוז דולדען יעדען שוויינקער,
פאר יעדען וורעד און שיכור,
פאלט די דמים איין:
פון אָקציז — די אגענטען,
די טייערע פאטענטען,
אָז א סענט א צעהנטען,
קומט אין טאַש אריין;
איך בין פון אלץ א פרייער,
אָ בילעט קאָסט מיר קיין דרייער,
דער סנאָפּ וואָס קומט אין שייער,
בלייבט אין גאנצען מיין.

6

מיין דאַמע,
ברויכט ניט קיינע אַמע,
קיין הויז-מיידעל, קיין באָנע,
קיין פרעסער אויפ'ן קאָרק!
זי דארף קיין הוט, קיין פעדער,
שפּאַצירט ניט אין די סעדער,
פאָהרט ניט אין די בעדער, —
ליבערשט פרייטאָג צום מארק;
קיין פוץ קיין פארמאסקירטען,
אליין אי אָם, אי ווירטהין,
און איז געזונט און שטארק!

7

מיט יאָהרען,
מיר ווערט א קינד געבאָרען,
ווערט גרעסער מיין הכנסה,
איך קויף צו — ערד א שטיק! —
אין שטאָט א קינד וואָס מעהרער,
ווערט דעם פאָטער שווערער,
ער מוז זיין א דערנעהרער, —
אויפ'ן האלז א שטריק;
ביי מיר עס וואקסען קינדער,
ווערט מיין ארבייט גרינגער,
און יעדערער בעזונדער,
איז פאר מיר א גליק!

8

מיין מיידעל,
נעה איך א פראָסט קליידעל,
און טהו מיט איהר א שידוך,
אָהן ציערונג, אָהן נדן! —
זעהט אין שטאָט די כלה'ס,
שטעלען פראָסט בדלות,
ראָמט פון שטוב אויס אלעס
וואָס נאָר איז פאראַן! —
מיר איז לייכט צו קריגען,
א חתן גראד א היגען,
און גיב נדן צוויי ציעגען,
און לעבט גליקליך פאר דעם מאן!

9

בענשען,
זאָל נאָר גאָט די מענשען,
וועלכע שטיצען ציון,
צוריק דאָס לאנד בעניית!
בענש נאָר גאָט די ריצער,
די קאָלאָניען באשיצער,
די ארבייטער שטיצער, —
די זרובבלס פון דער צייט!
ווען פון די קאָלאָניען,
וועט ווערען מיליאָנען,
ווען ציון ערשט דערמאָנען,
אָט דיעזע גרויסע לייט!

Band 3

דער פאָטשטאָווער גלעקעל

(ערב ראש השנה לשנת תרל״ב)

1

אויפ'ן גאָשטשינעץ, דער פאָטשטאָווער גלעקעל קלינגט גאנץ הויך,
בריעף פיהרט אונז דער פאָטשטאַליאָן,
די בריעף זיינען פערזיעגעלט און די סומקע אויך,
פרעהליך, לוסטיג פאָהרט ער אָן.
ווי מען צוטהיילט די בריעף כשורה,
הערט זיך שוין ניים אין שטאָדט,
דער בעקומט א גוטע בשורה,
דער צווייטער אָן אונגליק האָט,
דער בעקומט א ידיעה,
ער האָט געוואונען אין לאָטעריי,
דער צווייטער רייסט שוין קריעה,
גוואלדען און גשריי.
דער נייער יאָהר איז אויך אָקוראָט,
פרעהליך פאָהרט ער אָן מיט זיין פערד און שפּאַן,
נאָר די סומקע, איז מיט א פעטשאָט,
גאָט ווייס וואָס איז דאָרטען ניים פאראַן.

2

איהר יאָהרען! קענט איהר מיר ניט זאָגען דעם אָרט,
פון וואנען פליסט אייער שטריינגער טייך?
און וואוהין געהט איהר אלע אוועק אָט דאָרט?
אָ שרעק נעהמט אָן צו בעטראכטען אייך!
די צייט ווערט אלט מיט יאָהרען,
און די אייביגקייט איז רק יונג,
אָקאָרשט איז דער יאָהר אוועקגעפאָהרען,
דער צווייטער גיט שוין א שפרונג.

Band 4

דאס ליד פון אייזענבאהן

1

א גאנצע וועלט מיט אייזענבאהנען איז אין אונזער צייט געווארען,
וועלכע פיהרען פאסאזשירען, ארים און רייך,
לויפט זעהען דעם חידוש, נאר האט בזכרון,
אז דאס איז א משל פונקט קעגען אייך.
מיר זיצען דאס אין די וואגאנען,
דער לאקאמאטיוו איז די צייט, —
זי שלעפט מיט זיך מענשען מיליאנען,
און פליהט ווי די קוילען אין שטרייט.
יעטווידער רעלסע איז א סעקונדע,
יעטווידער סטאציע — א יאהר,
יעדער קאסארקע איז גלייך ווי א שטונדע,
א פאיעזד איז אין גאנצען א דור.
און דעם בילעט וואס ער האלט אין טאש,
דאס איז זיין מזל, זיין רייזע פלאן,
ווי ווייט צו פאהרען און אין וואסער קלאס,
בעשטימט פון גאט, פון דירעקטאר באהן.

2

די קאנדוקטארען בעקוקען די בילעטען
און צוזעצען די פאסאזשירען, יעדערען אין זיין קלאס,
ווענען אין ערשטען, מיט דיוואנען געבעטען,
און ווענען אין דריטען, וואו ענג און וואו נאס;
אונזערע קאנדוקטארען זיינען די שלוחים,
פון דער השגחה געשיקט,
ווענען מען גיט גליק מיט רוחים,
און ווער עס זאל זיצען געדריקט;
ווענען געזונד, עשירות און אלעס,
און קינדער ווי עפעל אויפ'ן בוים,
און ווענען עלענד און קראנקהייט און דלות,
און פערוואגעלט נאך זיין פון דער היים.
אויף די קאנדוקטארען זעהט ניט רעדט,
די וועלט פיהרט זיך ניט אהן א פלאן,
מען זעצט יעדערען נאך זיין בילעט,
ווי עס איז בעשטימט פון גאט, — פון דירעקטאר באהן.

3

ביי די וואקזאלען, ווי מען קלינגט מיט דעם גלעקעל,
די קאנדוקטארען שפרינגען אראפ,
עס לויפען פאסאזשירען, יעדער מיט זיין פעקעל,
פיעל קומען צו און פיעל קומען אפ.
אונזערע סטאציעס זיינען די יאהרען,
ראש השנה צייכענט מ'יז אן,
וועמעס בילעט איז ווייטער צו פאהרען,
און ווער עס מוז געהן פון וואגאן;
אונזער קאסיר איז בית דין של מעלה,
דער בילעט ווערט פערקויפט נאך דעם דין,
ווער עס פאהרט פיעל, און ווער אויף א ווײלע,
און דער פערזאמט גאר די מאשין.
אז מען הייסט אראפ, טא דינג זיך נישט,
כאטש ביסט נאך ניט קיין אלטער מאן,
אבער דיין בילעט איז אויס, דו ווײנסט אומזיסט,
אזוי איז בעשטימט פון גאט — פון דירעקטאר באהן.

4

דער מאשיניסט שטעהט אויף פיקעטען,
און קוקט אויף דעם צילינדער, פיעל היין און פיעל זשאר,
זיין אייך פערזעהן קען פון וועג אפטרעטען,
און וואגאנען מיט מענשען זיינען אין געפאהר,
אונזער מאשיניסט איז דער שכל, די געהירן,
ער איז אונזער פיהרער ביים לעבען,
נאר דער שכל אליין קען צייטענווייז פערפיהרען.
האט מען איהם א צילינדער געגעבען;
אט האסטו א צילינדער, א תורה פון אויבען,
וואו ענגליך — גיב אהיר נאר א פרעג,
אמונה מיט שכל, אי חקירה, אי גלויבען, — —
וועסטו געהן בשלום דיין וועג,
ווילסטו אבער פיהרען מיט דיין דולען קאפ,
לאכסט פון צילינדער, פון גאנצען פלאן,
זעה! אט דו פאלסט פון רעלסע אראפ,
און ווערסט נאך בעשטראפט פון דירעקטאר באהן.

דער אריסטאקראט

פיעל דאנק איך און לויב גאטעס נאמען,
וואס ער האט מיר די אויגען אויפגעמאכט,
האט געשיקט אויף מיין שטעדטעל פאגראמען,
דאס האט מיך פון חלום ערוואכט;
איך האב אבגעלעבט א לעבען אין טומעל,
פערדארבען מיין קערפער, מיין גייסט,
אויף מיין הארצען איז אנגעוואקסען שימעל,
פערלארען מיין שטאלץ און מיין דרייסט;
געזוכט פריינד פון פ ר ע מ ד ע נאציאנען,
מיינע ברידער פערהאסט און פעראכט,
לסוף האט מען מיר ניט געוואלט קאנען,
אין די אייגען וואר איך אויסגעלאכט;
פערדארבען מיין ווייב, מיינע קינדער,
קיין רוהיגען לעבען געהאט,
געגען מיין פאלק און מיין שטאם א זינדער,
איך האב געוואלט זיין אן אריסטאקראט!

Band 5

2

פון די אריסטאקראטיזמוס מיט די פינסטערע נעמען
האב איך שוין, לויב גאט, א בעגריף,
טא וואס זאל איך מיך איצטער שעהמען,
דערציעהלען אייך מיין יחוס בריעף? —
תלמוד תורה האט מיך ערצויגען,
אין ישיבה אויף דער הילצערנער באנק,
נאר א ישוב'ניק ווארפט אויף מיר אויגען,
ער האט פאר מיר דרשה געשאנק,
ער האט פאר מיר א טיראלסקע בהמה,
צו איהר נאך א ציעג אין נדן,
אט בין איך מיר געווארען כדומה,
פון אן אלטען בחור — א יונגער מאן.
מיין גליק האט גענומען דאן שפיעלען,
א פאר טויזענד ווי איך האב נאר געהאט,
דארף זיך מיר צו מיין אומגליק פערוועלען
צו ווערען אן אריסטאקראט.

3

ענטזאגט באלד דעם אידישען רבי'ן,
פון א אידישען ספר קיין שפור;
איינגעפיהרט א קריסטליכען לעבען,
מען זאל מיינען דאס איז קריסט פון נאטור;
קריסטמעס געשטעלט מיר א יאלקע,
בעפוצט איהר מיט פרוכטען, מיט ליכט,
א נדבה אויף א רוסישע „קאשצאלקע“
און קריסטליכע בעדיענונג איינגעריכט —
אי אן אם, אי א דיענסט, אי א קוטשער,
קאצאפעס אין געשעפט, אומעטום,
א באנע, א לאקאי, א שווייצער,
אין יעדערן פערקליידט זיין קאסטיום;
שבת געטהאן ווי אום דער וואכען,
זונטאג געפייערט אקוראט...
דאס יודענטהום אין גאנצען פערבראכען,
און געווארען אנ'אריסטאקראט.

4

מיין ווייב -- די ישוב'ניצע די פראסטע —
זי טאנצט מיר אויך נאך צום גראס,
געווארען גיך אויס בעל הבית'טע,
אויס ווירטהין, אויס ווייב, נאר „מאדאם“;
ביז האלבען טאג געלעגען אין בעט.
— זי וואר נעכטען אויף מאסקאראד --
דערנאך ערשט געמאכט די טואלעט,
ארויסגעפאהרען מיט שיק, מיט פאראד;
אפגעשטאט א צוויי-דריי וויזיטען,
געקומען א היים מיט קוראזש,
געהייסען איבערשפאנען דעם שליטען
און באלד — אויף טעאטער „בעלעטשאזש“;
אן ארימאן אין קארידאר ניט דערלאזען,
דאס האט זי געהיט ווי א כוואט,
וואו א איד, האט זי פון זיך געבלאזען,
זי איז שוין אויך אריסטאקראט.

5

די אם, און די דיענסט און די באנע,
האבען מיט די קינדער א פעולה געטהאן,
אז דער איד איז א שד, א סכנה.
שריי-זשע „סמערדיט“! פאשאל וואן!“
זיי האבען די קינדער געלערנט
צוזאמען מיט די מילך פון די בריסט:
— „צייט דער איד האט גאטעס זוהן ערצערענט,
„איז ער פערבליבען אויף אייביג פערוויסט,
„הפקר איז אלץ וואס איז זיינע,
„הפקר זיין לעבען, זיין געלט“.
און איך פלעג עס הערען די טענה,
און דאס הארץ האט מיר דאמאלס געקוועלט;
מיינע קינדער זיינען פערבליבען
שונאים דעם כלל און דעם פרט, —
ניט מיר מיינט מען, נאר — די א י ד ע ן די דיבען,
איך בין דאך — „אריסטאקראט!“

6

מיין טאכטער פלעגט אויסגעהן שפאצירען
אין ברילען, מיט דארווינ'ס א באנד;
קאוואלערען פלעגען איהר שטענדיג פיהרען
מיט אפיצערען געארעמט ביים האנט.
ניט געוואוסט וואו די קיך איז געשטאנען,
ניט געוואוסט פון א ווירטהשאפט אין הויז,
א בוך האט זי אזוי פיעל פערשטאנען —
פיעל איך די גמרא אין קלויז;
ביים פיאנא פלעגט זי לייטען אויסגעבען,
ווי א קוימענקעהרער עסט ווייסע קעז, —
קיין „גאמא“ האט זי ניט געוואוסט אין איהר לעבען,
קיין „בעקאר“, קיין „בעמאיל“, קיין „דיעז“,
דערפאר פלעגט זי האסען א אידען,
געברענט פראסט זיין ארט אין דער טהאט,
און איך בין געווען פול צופריעדען,
איצט בין איך אריסטאקראט.

7

אין הויז פלעגט שטענדיג זיין בעלער,
צו אלעמען א קאנטרע-וויזיט,
רוסיש פלעג איך ריידען פול פעהלער,
נאר קיין זשארגאן — גאט בעהיט!
אויף מאסקאראדען פלעג איך מיר פארהולען,
אין וואלצערס, אין קאנטרעדאנס;
אין קלוב פלעג איך פיעל געלט פערשפיעלען
אין סטוקעלקע, אין פראפעראנס;
ענינים פון אידישען צבור
ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דעם,
א מחבר פלעגט ברענגען א חבור —
דער דיענער מיט די הינד גלייך אויף עם,
אויף פסח קיין קמח עניים,
קיין הקדש, קיין שוהל און קיין שטאט,
אויף מיין שוועל ניט ארויף די גבאים,
איך בין דא אריסטאקראט.

8

מיין זוהן גיב איך שטודירען,
און דאס לעצטע פונק לעשט זיך אויס גיך;
ער זעהט דאך ווי צו הויז פלעגט זיך פיהרען,
אט האט ער א ביישפיעל פאר זיך —
א רייך קינד און ווייס פון קיין גלויבען,
און מיט שלעכטע חברים שפאצירט,
פלעגט אפט מיך בע'גנב'ענען, בערויבען,
און האט די רעגיערונג בעפיהרט:
גערעדט אויף רעליגיע, אויפ'ן קייזער,
וואס יעדעםווארט שמעקט מיט סיביר,
אז איך פלעג מיך געבען א בייזער,
מיט פעראכטונג, אויסגעלאכט מיר;
מיין הארץ איז אין מיר שיער צושפרונגען,
„מכת דם“ ווי פרעה געהאט,
א בת קול האט מיר דאן געקלונגען,
אז דאס איז אן אנפאנג פאר „אריסטאקראט“.

9

מיין ווייב — האבען געזאגט אריסטאקראטקעס —
אז א געזונדע פרוי איז זעהר געמיין,
א רויטע געזיכט פאסט פאר די יאטקעס,
א „מאדאם“ קליידעט „בלאס“ זעהר שעהן...
האט זי אויף זיך גענומען א נדר
— זיצענדיג אויף מאסקאראד —
אויף זומער צו פאהרען אין די בעדער
אבצוצעהרען זיך אין מארינבאד.
צוריק איז זי געקומען א בלאסע,
דאר ווי א סקעלעט, ווי א כארט,
און דא פרעגט מיר די באנע א קשיא:
צי זאל זי איהר אבטרעטען דעם ארט...
דער פעבעל מיט אינזעקטישע נגונים,
האבען מיין נאמען בעפלעקט און בעשטאט,
האב ברודער „צ פ ר ד ע און כ י נ י ם“
דו ביזט דאך אן אריסטאקראט.

1963
MUSIC LP

2

וואו נעהם איך פליגלען צו אייך צו פליהען,
זעהן וואו איהר דאָרט אין בילדונג האַלט;
ווילט איהר זיך גאָר וועגען דעם ניט בעמיהען;
איהר זייט נאָך ווילד, אין אָפּגעשטאַלט;
אָדער איהר זייט שוין אַ ל ע ס דערגאַנגען;
די פערבאָרגענע נאַטור — מיט גייסטער צוגלייך;
איבעראַל איז אייך ליכטיג, קיין פאַרהאַנג פערהאַנגען...
אַה, גליקליכע מענשען, אזוי וואויל איז אייך!

אַ בריעף פון דער מוטער ציון

1

דורך די פאַטען, די שטענדיגע היטער,
וואָס גאָט האָט זיי ביי מיר פאַר וועכטער געשטעלט,
שיקט אייך אַ בריוועל, איך ציון, די מוטער,
צו אייך, מיינע קינדער, פון צווייטען זייט וועלט.
געגריסט זייט פון מיר און פון אייערע שוועסטער,
פון כרמל, לבנון, פון יפו ביים פאָרט,
פון די וואנט פון מקדש, דער מויער דער פעסטער,
פון הר הזיתים, דער הייליגער אָרט,
פון הרמון, פון ירדן, דער שפאציר דער בעסטער,
וואו איהר פלעגט יונגערהיים שפילען זיך דאָרט.

2

פרעהליכע בשורות קען איך אייך מיטטהיילען,
מיין יוגענד ווערט איצטער צוריק אָבגעפרישט,
עס קומען די קינדער די וואונדען צו היילען,
צו בויען די חורבות, וואָס שטעהען פארוויסט.
זיי גרינדען קאָלאָניעס, און זעצען זיך ווידער
צום טיש ביי דער מוטער, ווי מוטיג, ווי פריי,
און עסען און טרינקען און זינגען זיך ליעדער;
די שפראך און דער ביבעל לעבט אָפּ אויף דאָס ניי;
און זיינען גאַנץ גליקליך און לעבען, ווי ברידער;
מיין הארץ קוועלט צו שטעהן און צו קוקען דערביי.

3

נאָר פון אייך, מיינע קינדער, האָב איך קיין געריסען,
איהר האָט זיך, אפנים, פערגעסען אָן מיר;
איהר ווילט פון דער מוטער, פון ציון ניט וויסען
עס גיט פון אייך קיינער, וואָס עפענט מיין טהיר.
ביי מיר בויט מען שטעדט, עס בליהט נייע נעמען
דערמאָנט אייך ווער „ציון“, — גלייך לאָבט איהר איהם אוים
מיט אייער מוטער דארפט איהר זיך ניט שעהמען:
זי וואָר, און זי האָפּט ווידער זיין אמאָל גרוים.

מיינע געפיהלען

1

אַ טענה האָב איך גאָט צו דיר:
דאָס הארץ וואָס דו בעשאַפסט אין מיר,
איז זי פערקניפּט,
אין דיין פאָלק פערליעבט,
וואָס דו ציהסט פון מצרים ארוים,
איך זאָל עטוואָס שפירען,
מען וויל זי בעריהרען,
גיסט זי זיך ווי וואַסער אוים.

ביי אונז אויף דער ערד:
מען איז בלינד
ווי אַ קינד
מען ווייס קיין אָנהויב ניט,
עס האָט קיין ווערט
וואָס מען קלערט,
מען מאַטערט מאָרך אומזיסט.
וואָס איז די לעבענס קוועלע.
ווי דיינקט זיך אין דער שטיל?
וואָס איז גייסט און — זעעלע,

Band 7

4

איז אייך דאָרטען גוט און איהר מאַכט פיין אַ לעבען,
פרעהט מיר מיין הארץ, אַז מיין קינד לעבט דאָרט פריי.
מעגט איהר זיך אודאי דאָמיט איבערגעבען
צו נעמען אנטייל אין ציון׳ס געביי;
נאָר מיר האָט די פּראַקטיקע לאַנג שוין געוויזען,
אַ פּראַקטיקע וואָס דויערט באַלד צוויי טויזענד יאָהר,
אַז אנטיסעמיטען, ווי דערנער, ווי שפּיזען, —
האָסטען אייך פּלוצלונג ווען איהר שטייגט אין פלאָר,
איהר ווערט ניך פון ווירטה און פון הויז אויסגעוויזען:
היינט זוך פון דאָס ניי איצט אַ וואוינונג, אַ סמאָר.

5

טויזענדער יאָהרענלאַנג זיינען פאַראיבער,
עס קומען אָן פעלקער צו מיר אַלערליי;
מיין ערד גיט קיין פרוכטען, מיין לופט — געלער פיבער,
דען איך לייד קיין פרעמדע, איך שטים ניט מיט זיי.
ווי מיינע קינדער זיינען אָנגעפאָהרען,
געגרינדעט קאָלאָניעס מיט גאַנץ וועניג געלט,
גבורים און העלדען ווערען דאָרט געבאָרען,
די אַלערליי פיבערס איז דאָרטען געפעהלט, —
זיי פליהען זיך גליקליך, עס בליהען די יאָהרען,
ווי אין שלמה׳ס צייטען, אַ פרעהליכע וועלט!

6

אַ אידישע שטאָט איז נויארק די גרעסטע;
איהר געפינט ניט איהר גלייכען אין דער גאַנצער וועלט,
און פון אַלע לענדער קומען צו מיר געסטע:
איך בעטראַכט מיינע קינדער — אמעריקאַ פעהלט!
האָט איהר זיך מיט ציון אויף עוויג געזעגענט?
אין הארצען פערלאָשען דעם לעצטען פונק?
פרעמד, ווי מיר וואָלטען זיך קיינמאָל בעגעגענט,
איהר גאָרט מיך ניט זעהן, אייך דורשט ניט קיין טרונק.
געדענקט, פיליכט טרעפט אייך, עס שנעעט צי עס רעגענט, —
צום אנדענקען נאָט אייך מיין בריעף און מיין וואונק.

Band 8

2

מיין הארץ עלעקטריש׳ קראַפט האָט
מיינע נערוועז — אַ טעלעגראַפענער דראָט,
איין ברעג איז אָנגעטהאָן
אויף מיין נאַציאָן,
דער צווייטער ברעג קומט מיר צום לונו;
זיי זאָל וואָס געשעהען,
איך זאָל עס הערען, צו זעהען,
פליהט מיר אין הארצען דער פונק.

10

ווי דער פעבעל האָט מיך אָבגעשטויסען,
ביי קריסטען פאררעכענט פאַר דול,
דעם גלויבען איז שוין צו שפעט צו טוישען...
האָב איך אויפגעקעלרט אַ רעפאָרמירטע שול,
דעם שבת אויף זונטאג פערביטען,
אָן אָרגעל, פון קריסטינס אַ כאָר,
דאַוונען אָהן היטלען ווי „ביי לייטען“,
און צוזאַמען מיט פרויען צו־פּאָר;
אַ סידור פון בערלין אויסצושרייבען,
פון גייגער׳ס גע׳רעפאָרמירטעם הויז,
פון דאַוונען אַ צעהנטעל זאָל בלייבען,
וואו „ירושלים“, וואו „משיח“ — ארוים,
צו מיין דעה דערטאַפּט באַלד אַ קרוב,
דאָ האָט די השגחה קיין ברירה געהאַט,
טאָ נאַ־זשע דיר די פיערטע מכה „ערב“,
דו ביזט דאָך אָן אָריסטאָקראַט.

11

אָט דאָ האָב איך דערזעהן צו מיין שאַנדע,
אין וואָס מכת „ערב“ בעשטעהט:
חיות, אַ „באָסע קאָמאַנדע“
האָבען אונזער שטעדטעל מיט פעדערען פערשנעעט.
מיינע דיענער האָבען זעלבסט אָנגעוויזען
וואו עס ליעגט ביי מיר צירונג אין פעק;
געענדיגט די שפּעסעליע גריזשען,
און גלייך איבער׳ן שטעדטעל אַוועק;
מיין זוהן אַז מען גיט איהם „פאָ שייע“
האָט ער מיר אַ קשיא געפרעגט:
„ראַזווע מי טאָזשע יעוורעאי?“
אָט די קשיא האָט מיר פאַר אַ תירוץ געקלעקט.
מיר זיינען אַוועק באַלד קיין קיעוו,
אָבער דעם זעלבען פעסט האָט זי אויך געהאַט,
דיר קומט דאָך דער „דבר“ מיט חיוב,
דו ביזט דאָך אָן אָריסטאָקראַט.

12

אין קיעוו האָבען מיר זיך געוואָגעלט
אַז מיר זיינען אין אַ סקראָפּעל אריין,
מיט שטיינער האָבען קאַצאַפּעס געהאָגעלט
נו, „שחין“ און „ברד“ מוז דאָך זיין. —
ווי קין האָט מען אונז געשליידערט,
צום גרענעץ, קיין עסטרייך, קיין בראָד,
דאָרט האָט געשוויבעלט, געררודערט
פון בערויבטע אַ גאַנצער נאָראָד.

צו די שטערן

אויף אייך שטערען, געהט ביי אונז אַ זאָגע,
אַז יעדערער פון אייך, איז אַ גאַנצע וועלט:
מיט ים מיט יבשה, מיט נעכט און טאָגע,
איהר זייט מיט מענשען אויך בעזעלט;
אייך זעהען, בעטראַכטען ווען איך וואָלט קאָנען,
צו האָט איהר אויך פעלקער, מיט אונזער ערד צוגלייך,
אָדער איהר ווייסט ניט, פון פערשיעדענע נאַציאָנען;
אָה, גליקליכע מענשען! ווי וואויל איז אייך!
ביי אונז אויף דער ערד:
פרידען, שטיל
ווי מען וויל,
גיט גאָר ניט אין לאַנד,

ביז פופצעהן טויזענד מענשען אָנגעהאַנגען
אויף גאַליציען, וואָס איז זעלבסט הונגעריג,
ברויט אַז מען פלעגט נאָר דערלאַנגען —
פערשלונגען ווי דער היישעריג,
פון דעם היישעריג דער „ארבה“, ווי אַ כמאָרע
האָב איך שוין קיין קרעפּטען געהאַט.
דיר קומט דאָך דער ארבה, ווי פרעה,
האָסט דאָך געוואָלט זיין אָן אָריסטאָקראַט!

13

אַ דירה האָב איך געהאַט דאָרט אַ פיינע,
אין אַ פינסטערען קעלער דאָרטען,
האָב איך דען צו גאָט אַ טענה?
„חושך“ קומט מיר על פי דין.
פון די גרויסע מיטינגען־סך׳ען,
וואָס מענשען האָבען געלט אויפגעמאַכט,
ברייגגט מען אונז עסען און זאַכען.
אויף די באַהנען צום ים גלייך געבראַכט,
ווי מען זעצט אונז אַוועק אויף די שיפען,
ווערט פּלוצלונג אַ גאַנצער געשריי:
זשאַנדאַרען האָבען מיין זוהן אָפּגערופען,
פערהאַפטעט, געפיהרט קיין ראָסיי.
פון מיין בכור, מיין איינציגען יורש,
קיין געראָם עד היום ניט געהאַט,
טאָ נאָ דיר שוין „מכת בכורות“
און זיי שוין אוים אָריסטאָקראַט.

14

פסח תקוה האָט אונז שוין צוגענומען,
געגעבען אַ פעטע שטיק ערד,
פערהאָלפען אין אביסעל מזומן
געקויפט מיר בהמות מיט פערד;
מיר בעאַרבייטען די קאָלאָניע גאַנץ פּראַקטיש,
פון צייטונגען ווערען מיר געהערט,
די וועלט קען עס זעהען אלעס פאַקטיש
אַז דער איד איז אויך פעהיג צו ערד.
עס לערנען אונז די צרות, די נויטען:
אַז דער איד מוז זיין „איד“ איבעראַל,
איין איד מוז זיך בינדען צום צווייטען,
זאָנסט געהט פערלאָרען דער „כלל“.
אַז די מכות האָב איך אין רוסלאַנד געקריגען
עס איך היער די קניידלעך צו זאַט,
אין פעלד זינג איך מיט פערגעניגען,
אָט דאָס ליעד פון „אָריסטאָקראַט“...

Band 6

מיליטער
וואָס מעהר,
אימער דעם שווערד אין האַנט!
ענגלאַנד מיט אינדיאַנער
שנאים פון דער וויעג,
טערקען מיט סלאַוויאַנער
אייביג שטרייט און קריעג.
דער שווערד
אויף דר׳ערד
רוהט ניט איין מינוט,
רק שטרייט
און שניידט
אַז די ערד פארזינקט אין בלוט!

Band 4

דאָס ליעד פון אייזענבאהן

1

אַ גאַנצע וועלט מיט אייזענבאהנען איז אין אונזער
צייט געוואָרען,
וועלכע פיהרען פּאַסאַזשירען, אָרים און רייך,
לויפט זעהען דעם חידוש, נאָר האָט בזכרון,
אַז דאָס איז אַ משל פּונקט קעגען אייך.
מיר זיצען דאָס אין די וואַגאָנען,
דער לאָקאָמאָטיוו איז די צייט, —
זי שלעפּט מיט זיך מענשען מיליאָנען,
און פליהט ווי די קוילען אין שטרייט.
יעטווידער רעלסע איז אַ סעקונדע,
יעטווידער סטאַציע — אַ יאָהר,
יעדער קאָסאַרקע איז גלייך ווי אַ שטונדע,
אַ פּאַיעזד איז אין גאַנצען אַ דור.
און דעם בילעט וואָס ער האַלט אין טאַש,
דאָס איז זיין מזל, זיין רייזע פּלאַן,
ווי ווייט צו פאָהרען און אין וואָסער קלאַס,
בעשטימט פון גאָט, פון דירעקטאָר באַהן.

2

די קאָנדוקטאָרען בעקוקען די בילעטען
און צוזעצען די פּאַסאַזשירען, יעדערען אין זיין קלאַס,
וועמען אין ערשטען, מיט דיוואַנען געבעטען,
און וועמען אין דריטען, וואו ענג און וואו נאַס;
אונזערע קאָנדוקטאָרען זיינען די שלוחים,
פון דער השגחה געשיקט,
וועמען מען גיט גליק מיט רוחים,
און ווער עס זאָל זיצען געדריקט;
וועמען געזונד, עשירות און אלעס,
און קינדער ווי עפּעל אויפ'ן בוים,
און וועמען עלענד און קראַנקהייט און דלות,
און פערוואַגעלט נאָך זיין פון דער היים.
אויף די קאָנדוקטאָרען זעהט ניט רעדט,
די וועלט פיהרט זיך ניט אָהן אַ פּלאַן,
מען זעצט יעדערען נאָך זיין בילעט,
ווי עס איז בעשטימט פון גאָט, — פון דירעקטאָר באַהן.

3

ביי די וואָקזאַלען, ווי מען קלינגט מיט דעם גלעקעל,
די קאָנדוקטאָרען שפּרינגען אַראָפּ,
עס לויפען פּאַסאַזשירען, יעדער מיט זיין פּעקעל,
פיעל קומען צו און פיעל קומען אָפּ.
אונזערע סטאַציעס זיינען די יאָהרען,
ראש השנה צייכענט מ'ין אָן,
וועמעס בילעט איז ווייטער צו פאָהרען,
און ווער עס מוז געהן פון וואַגאָן;
אונזער קאַסיר איז בית דין של מעלה,
דער בילעט ווערט פערקויפט נאָך דעם דין,
ווער עס פאָהרט פיעל, און ווער אויף אַ ווײַלע,
און דער פערזאַמט גאָר די מאַשין,
אַז מען הייסט אַראָפּ, טאָ דינג זיך נישט,
כאָטש ביסט נאָך ניט קיין אַלטער מאַן,
אָבער דיין בילעט איז אויס, דו וויינסט אומזיסט,
אַזוי איז בעשטימט פון גאָט — פון דירעקטאָר באַהן.

4

דער מאַשיניסט שטעהט אויף פּיקעטען,
און קוקט אויף דעם צילינדער, פיעל היץ און פיעל זשאַר,
זיין אייך פערזעהן קען פון וועג אָפּטרעטען,
און וואַגאָנען מיט מענשען זיינען אין געפאַהר,
אונזער מאַשיניסט איז דער שכל, די געהירן,
ער איז אונזער פיהרער ביים לעבען,
נאָר דער שכל אליין קען צייטענווייז פערפיהרען.
האָט מען איהם אַ צילינדער געגעבען;
אָט האָסטו אַ צילינדער, אַ תורה פון אויבען,
וואו ענגליך — גיב אהיר נאָר אַ פרעג,
אמונה מיט שכל, אי חקירה, אי גלויבען, — —
וועסטו געהן בשלום דיין וועג,
ווילסטו אָבער פיהרען מיט דיין דולען קאָפּ,
לאַכסט פון צילינדער, פון גאַנצען פּלאַן,
זעה! אָט דו פאַלסט פון רעלסע אַראָפּ,
און ווערסט נאָך בעשטראָפט פון דירעקטאָר באַהן.

Band 5

דער אריסטאָקראַט

פיעל דאַנק איך און לויב גאָטעס נאָמען,
וואָס ער האָט מיר די אויגען אויפגעמאַכט,
האָט געשיקט אויף מיין שטעדטעל פּאָגראָמען,
דאָס האָט מיך פון חלום ערוואַכט;
איך האָב אָבגעלעבט אַ לעבען אין טומעל,
פערדאָרבען מיין קערפּער, מיין גייסט,
אויף מיין האַרצען איז אָנגעוואַקסען שימעל,
פערלאָרען מיין שטאָלץ און מיין דרייסט;
געזוכט פריינד פון פ ר ע מ ד ע נאַציאָנען,
מיינע ברידער פערהאַסט און פעראַכט,
לסוף האָט מען מיר ניט געוואָלט קאָנען,
אין די אויגען וואָר איך אויסגעלאַכט;
פערדאָרבען מיין ווייב, מיינע קינדער,
קיין רוהיגען לעבען געהאַט,
געגען מיין פאָלק און מיין שטאַם אַ זינדער,
איך האָב געוואָלט זיין אַן אַריסטאָקראַט!

2

פון די אַריסטאָקראַטיזמוס מיט די פינסטערע נעמען
האָב איך שוין, לויב גאָט, אַ בעגריף,
טאָ וואָס זאָל איך מיך איצטער שעהמען,
דערצעהלען אייך מיין יחוס בריעף? —
תלמוד תורה האָט מיך ערצויגען,
אין ישיבה אויף דער הילצערנער באַנק,
נאָר אַ ישוב'ניק וואַרפט אויף מיר אויגען,
ער האָט פאַר מיר דרשה געשאַנק,
ער האָט פאַר מיר אַ טיראַלסקע בהמה,
צו איהר נאָך אַ ציעג אין נדן,
אָט בין איך מיר געוואָרען כדומה,
פון אַן אַלטען בחור — אַ יונגער מאַן.
מיין גליק האָט גענומען דאַן שפּיעלען,
אַ פּאָר טויזענד ווי איך האָב נאָר געהאַט,
דאַרף זיך מיר צו מיין אומגליק פערוועלען
צו ווערען אַן אַריסטאָקראַט.

3

ענטזאַגט באַלד דעם אידישען רבי'ן,
פון אַ אידישען ספר קיין שפור;
איינגעפיהרט אַ קריסטליכען לעבען,
מען זאָל מיינען דאָס איז קריסט פון נאַטור;
קריסטמעס געשטעלט מיר אַ יאָלקע,
בעפוצט איהר מיט פרוכטען, מיט ליכט,
אַ נדבה אויף אַ רוסישע „קאָשצאָלקע"
און קריסטליכע בעדיענונג איינגעריכט —
אי אַן אַם, אי אַ דיענסט, אי אַ קוטשער,
קאַצאַפּעס אין געשעפט, אומעטום,
אַ באָנע, אַ לאָקאַי, אַ שווייצער,
אין יעדערן פערקליידט זיין קאָסטיום;
שבת געטהאָן ווי אום דער וואָכען,
זונטאג געפייערט אַקוראַט...
דאָס יודענטהום אין גאַנצען פערבראָכען,
און געוואָרען אַנ'אַריסטאָקראַט.

4

מיין ווייב — די ישוב'ניצע די פּראָסטע —
זי טאַנצט מיר אויך נאָך צום גראַם,
געוואָרען גיך אויס בעל הבית'טע,
אויס ווירטהין, אויס ווייב, נאָר „מאַדאַם";
ביז האַלבען טאָג געלעגען אין בעט.
— זי וואָר נעכטען אויף מאַסקאַראַד —
דערנאָך ערשט געמאַכט די טואַלעט,
אַרויסגעפאָהרען מיט שיק, מיט פּאַראַד;
אָפּגעשטאַט אַ צוויי־דריי וויזיטען,
געקומען אַ היים מיט קוראַזש,
געהייסען איבערשפּאַנען דעם שליטען
און באַלד — אויף טעאַטער „בעלעטשאַזש";
אַן אָרימאַן אין קאָרידאָר ניט דערלאָזען,
דאָס האָט זי געהיט ווי אַ כוואַט,
וואו אַ איד, האָט זי פון זיך געבלאָזען,
זי איז שוין אויך אַריסטאָקראַט.

5

די אַם, און די דיענסט און די באָנע,
האָבען מיט די קינדער אַ פעולה געטהאָן,
אַז דער איד איז אַ שד, אַ סכנה.
שריי־זשע „סמערדיט"! פּאַשאָל וואָן!"
זיי האָבען די קינדער געלערנט
צוזאַמען מיט די מילך פון די בריסט:
— „צייט דער איד האָט גאָטעס זוהן ערצערענט,
„איז ער פערבליבען אויף אייביג פערוויסט,
„הפקר איז אַלץ וואָס איז זיינע,
„הפקר זיין לעבען, זיין געלט".
און איך פלעג עס הערען די טענה,
און דאָס האַרץ האָט מיר דאַמאָלס געקוועלט;
מיינע קינדער זיינען פערבליבען
שונאים דעם כלל און דעם פּרט, —
ניט מיר מיינט מען, נאָר — די א י ד ע ן די דיבען,
איך בין דאָך — „אַריסטאָקראַט!"

6

מיין טאָכטער פלעגט אויסגעהן שפּאַצירען
אין ברילען, מיט דאַרווינ'ס אַ באַנד;
קאַוואַלערען פלעגען איהר שטענדיג פיהרען
מיט אָפיצערען געאָרעמט ביים האַנט.
ניט געוואוסט וואו די קיך איז געשטאַנען,
ניט געוואוסט פון אַ ווירטהשאַפט אין הויז,
אַ בוך האָט זי אַזוי פיעל פערשטאַנען —
פיעל איך די גמרא אין קלויז;
ביים פּיאַנאָ פלעגט זי לייטען אויסגעבען,
ווי אַ קוימענקעהרער עסט ווייסע קעז, —
קיין „גאַמאַ" האָט זי ניט געוואוסט אין איהר לעבען,
קיין „בעקאַר", קיין „בעמאָיל", קיין „דיעז",
דערפאַר פלעגט זי האַסען אַ אידען,
געברענט פראָסט זיין אָרט אין דער טהאָט,
און איך בין געווען פול צופריעדען,
איצט בין איך אַריסטאָקראַט.

7

אין הויז פלעגט שטענדיג זיין בעלער,
צו אַלעמען אַ קאָנטרע־וויזיט,
רוסיש פלעג איך ריידען פול פעהלער,
נאָר קיין זשאַרגאָן — גאָט בעהיט!
אויף מאַסקאַראַדען פלעג איך מיר פאַרהולען,
אין וואַלצערס, אין קאָנטרעדאַנס;
אין קלוב פלעג איך פיעל געלט פערשפּיעלען
אין סטוקעלקע, אין פּראָפערענס;
ענינים פון אידישען צבור
ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין דעם,
אַ מחבר פלעגט ברענגען אַ חבור —
דער דיענער מיט די הינד גלייך אויף עם,
אויף פסח קיין קמח עניים,
קיין הקדש, קיין שוהל און קיין שטאָט,
אויף מיין שוועל ניט אַרויף די גבאים,
איך בין דאָ אַריסטאָקראַט.

8

מיין זוהן גיב איך שטודירען,
אין דאָס לעצטע פּונק לעשט זיך אויס גיך;
ער זעהט דאָך ווי צו הויז פלעגט זיך פיהרען,
אָט האָט ער אַ ביישפּיעל פאַר זיך —
אַ רייך קינד און ווייס פון קיין גלויבען,
און מיט שלעכטע חברים שפּאַצירט,
פלעגט אָפּט מיך בע'גנב'ענען, בערויבען,
און האָט די רעגיערונג בעהיהרט:
גערעדט אויף רעליגיע, אויפ'ן קייזער,
וואָס יעדעס וואָרט שמעקט מיט סיביר,
אַז איך פלעג מיך געבען אַ בייזער,
מיט פעראַכטונג, אויסגעלאַכט מיר;
מיין האַרץ איז אין מיר שיער צושפּרונגען,
„מכת דם" ווי פּרעה געהאַט,
אַ בת קול האָט מיר דאַן געקלונגען,
אַז דאָס איז אַן אָנפאַנג פאַר „אַריסטאָקראַט".

9

מיין ווייב — האָבען געזאָגט אַריסטאָקראַטקעס —
אַז אַ געזונדע פרוי איז זעהר געמיין,
אַ רויטע געזיכט פּאַסט פאַר די יאַטקעס,
אַ „מאַדאַם" קליידעט „בלאַס" זעהר שעהן...
האָט זי אויף זיך גענומען אַ נדר
— זיצענדיג אויף מאַסקאַראַד —
אויף זומער צו פאָהרען אין די בעדער
אָבצוצעהרען זיך אין מאַרינבאַד.
צוריק איז זי געקומען אַ בלאַסע,
דאַר ווי אַ סקעלעט, ווי אַ כאָרט,
און דאָ פרעגט מיר די באָנע אַ קשיא:
צי זאָל זי איהר אָבטרעטען דעם אָרט....
דער פעבעל מיט אינזעקטישע נגונים,
האָבען מיין נאָמען בעפלעקט און בעשטאָט,
האָב ברודער „צ פ ר ד ע און כ י נ י ם"
דו ביזט דאָך אַן אַריסטאָקראַט.

1963
MUSIC LP

2

וואו נעהם איך פליגלען צו אייך צו פליהען,
זעהן וואו איהר דאַרט אין בילדונג האַלט;
ווילט איהר זיך גאַר וועגען דעם ניט בעמיהען;
איהר זייט נאָך ווילד, אין אָפּגעשטאַלט;
אָדער איהר זייט שוין א ל ע ס דערגאַנגען,
די פערבאָרגענע נאַטור — מיט גייסטער צוגלייך;
איבעראַל איז אייך ליכטיג, קיין פאַרהאַנג פערהאַנגען...
אַה, גליקליכע מענשען, אזוי וואויל איז אייך!

אַ בריאה פון דער מוטער ציון

1

דורך די פּאָעטען, די שטענדיגע היטער,
וואָס גאָט האָט זיי ביי מיר פאַר וועכטער געשטעלט,
שיקט אייך א בריוועל, איך ציון, די מוטער,
צו אייך, מיינע קינדער, פון צווייטען זייט וועלט.
געגריסט זייט פון מיר און פון אייערע שוועסטער,
פון כרמל, לבנון, פון יפו ביים פּאָרט,
פון די וואַנט פון מקדש, דער מויער דער פעסטער,
פון הר הזיתים, דער הייליגער אָרט,
פון הרמון, פון ירדן, דער שפּאַציר דער בעסטער,
וואו איהר פלעגט יונגערהיים שפּילען זיך דאָרט.

2

פרעהליכע בשורות קען איך אייך מיטטהיילען,
מיין יוגענד ווערט איצטער צוריק אָבגעפרישט,
עס קומען די קינדער די וואונדען צו היילען,
צו בויען די חורבות, וואָס שטעהען פארוויסט.
זיי גרינדען קאָלאָניעס, און זעצען זיך ווידער
צום טיש ביי דער מוטער, ווי מוטיג, ווי פריי,
און עסען און טרינקען און זינגען זיך ליעדער;
די שפּראַך און דער ביבעל לעבט אָפּ אויף דאָס ניי;
און זיינען גאַנץ גליקליך און לעבען, ווי ברידער;
מיין הארץ קוועלט צו שטעהן און צו קוקען דערביי.

3

נאָר פון אייך, מיינע קינדער, האָב איך קיין געריסען,
איהר האָט זיך, אפנים, פערגעסען אָן מיר;
איהר ווילט פון דער מוטער, פון ציון ניט וויסען
עס גיט פון אייך קיינער, וואָס עפּענט מיין טהיר.
ביי מיר בוים מען שטעדט, עס בליהט נייע נעמען
דערמאָנט אייך ווער „ציון", — גלייך לאַכט איהר איהם אוים
מיט אייער מוטער דאַרפט איהר זיך ניט שעהמען:
זי וואַר, און זי האָפט ווידער זיין אמאָל גרוים.

מיינע געפיהלען

1

א טענה האָב איך גאָט צו דיר:
דאָס הארץ וואָס דו בעשאַפסט אין מיר,
איז זי פערקניפּט,
אין דיין פאָלק פערליעבט,
וואָס דו ציהסט פון מצרים ארוים,
איך זאָל עטוואָס שפּירען,
מען וויל זי בעריהרען,
גיסט זי זיך ווי וואַסער אוים.

ביי אונז אויף דער ערד:
מען איז בלינד
ווי א קינד
מען ווייס קיין אָנהויב ניט,
עס האָט קיין ווערט
וואָס מען קלערט,
מען מאַטערט מאַרך אומזיסט.
וואָס איז די לעבענס קוועלע.
ווי דיינקט זיך אין דער שטיל?
וואָס איז גייסט און — זעעלע,

Band 7

4

איז אייך דאָרטען גוט און איהר מאַכט פיין א לעבען,
פרעהט מיר מיין הארץ, אז מיין קינד לעבט דאָרט פריי.
מעגט איהר זיך אודאי דאַמיט איבערגעבען
צו נעמען אַנטייל אין ציון'ס געביי;
נאָר מיר האָט די פּראַקטיקע לאַנג שוין געוויזען,
אַ פּראַקטיקע וואָס דויערט באַלד צוויי טויזענד יאָהר,
אַז אַנטיסעמיטען, ווי דערנער, ווי שפּיזען, —
האַסטען אייך פלוצלונג ווען איהר שטייגט אין פלאָר,
איהר ווערט גיך פון ווירטה און פון הויז אויסגעוויזען:
היינט זוך פון דאָס ניי איצט א וואוינונג, א סמאָר.

5

טויזענדער יאָהרענלאַנג זיינען פאַראיבער,
עס קומען אָן פעלקער צו מיר אַלערליי;
מיין ערד גיט קיין פּרוכטען, מיין לופט — געלער פיבער,
דען איך לייד קיין פרעמדע, איך שטים ניט מיט זיי.
ווי מיינע קינדער זיינען אָנגעפאָהרען,
געגרינדעט קאָלאָניעס מיט גאַנץ ווייניג געלט,
גבורים און העלדען ווערען דאָרט געבאָרען,
די אלערליי פיבערס איז דאָרטען געפעהלט, —
זיי פליהען זיך גליקליך, עס בליהען די יאָהרען,
ווי אין שלמה'ס צייטען, א פרעהליכע וועלט!

6

אַ אידישע שטאָט איז נויארק די גרעסטע;
איהר געפינט ניט איהר גלייכען אין דער גאַנצער וועלט,
און פון אלע לענדער קומען צו מיר געסטע:
איך בעטראַכט מיינע קינדער — אמעריקא פעהלט!
האָט איהר זיך מיט ציון אויף עוויג געזעגנט?
אין הארצען פערלאָשען דעם לעצטען פונק?
פרעמד, ווי מיר וואָלטען זיך קיינמאָל בעגעגנט,
איהר גאַרט מיך ניט זעהן, אייך דורשט ניט קיין טרונק.
געדענקט, פּילייכט טרעפט אייך, עס שנעעט צי עס
רעגענט, —
צום אַנדענקען נאָט אייך מיין בריעף און מיין וואונק.

Band 8

2

מיין הארץ עלעקטריש' קראַפט האָט
מיינע נערווען — א טעלעגראַפענער דראָט,
איין ברעג איז אָנגעטהאָן
אויף מיין נאַציאָן,
דער צווייטער ברעג קומט מיר צום לונו;
זיי זאָל וואָס געשעהען,
איך זאָל עס הערען, צו זעהען,
פליהט מיר אין הארצען דער פונק.

10

ווי דער פּעבעל האָט מיך אָבגעשטויסען,
ביי קריסטען פאררעכענט פאַר דול,
דעם גלויבען איז שוין צו שפּעט צו טוישען...
האָב איך אויפגעקעלרט א רעפאָרמירטע שול,
דעם שבת אויף זונטאג פערבייטען,
אָן אָרגעל, פון קריסטינס א כאָר,
דאַוונען אָהן היטלען ווי „ביי לייטען",
און צוזאַמען מיט פרויען צו-פּאָר;
אַ סידור פון בערלין אויסצושרייבען,
פון גייגער'ס גע'רעפאָרמירטעס הויז,
פון דאַוונען א צעהנטעל זאָל בלייבען,
וואו „ירושלים", וואו „משיח" — אַרויס,
צו מיין דעה דערטאַפּט באַלד אַ קרוב,
דאָ האָט די השגחה קיין ברירה געהאַט,
טאָ נאַ-זשע דיר די פיערטע מכה „ערב",
דו ביזט דאָך אָן אַריסטאָקראַט.

11

אָט דאָ האָב איך דערזעהן צו מיין שאַנדע,
אין וואָס מכת „ערב" בעשטעהט:
חיות, א „באַסע קאָמאַנדע"
האָבען אונזער שטעדטעל מיט פעדערען פערשנעעט.
מיינע דיענער האָבען זעלבסט אָנגעוויזען
וואו עס ליעגט ביי מיר ציערונג אין פּעק;
געענדיגט די שעפסעלע גריזשען,
און גלייך איבער'ן שטעדטעל אַוועק;
מיין זוהן אַז מען גיט איהם „פּאָ שייע"
האָט ער מיר אַ קשיא געפרעגט:
„ראַזווע מי טאָזשע יעווראַאי?"
אָט די קשיא האָט מיר פאַר אַ תירוץ געקלעקט.
מיר זיינען אַוועק באַלד קיין קיעוו,
אָבער דעם זעלבען פּעסט האָט זי אויך געהאַט,
דיר קומט דאָך דער „דבר" מיט חיוב,
דו ביזט דאָך אָן אַריסטאָקראַט.

12

אין קיעוו האָבען מיר זיך געוואָגעלט
אַז מיר זיינען אין אַ סקראָפּעל אריין,
מיט שטיינער האָבען קאַצאַפּעס געהאָגעלט
נו, „שחין" און „ברד" מוז דאָך זיין. —
ווי קין האָט מען אונז געשליידערט,
צום גרענעץ, קיין עסטרייך, קיין בראָד,
דאָרט האָט געשווירבעלט, געדרודערט
פון בערויבטע א גאַנצער נאָראָד.

צו די שטערען

אויף אייך שטערען, געהט ביי אונז אַ זאָגע,
אַז יעדערער פון אייך, איז א גאַנצע וועלט:
מיט ים מיט יבשה, מיט נעכט און טאָגע,
איהר זייט מיט מענשען אויך בעזעעלט;
אייך זעהען, בעטראַכטען ווען איך וואָלט קאָנען,
צו האָט איהר אויך פעלקער, מיט אונזער ערד צוגלייך,
אָדער איהר ווייסט ניט, פון פערשיעדענע נאַציאָנען;
אָה, גליקליכע מענשען! ווי וואויל איז אייך!
ביי אונז אויף דער ערד:
פרידען, שטיל
ווי מען וויל,
גיט גאָר ניט אין לאַנד,

ביז פּופּצעהן טויזענד מענשען אָנגעהאַנגען
אויף גאַליציען, וואָס איז זעלבסט הונגעריג,
ברויט אז מען פלעגט נאָר דערלאַנגען —
פערשלונגען ווי דער היישעריג,
פון דעם היישעריג דער „ארבה", ווי א כמאָרע
האָב איך שוין קיין קרעפּטען געהאַט.
דיר קומט דאָך דער ארבה, ווי פרעה,
האָסט דאָך געוואָלט זיין אָן אַריסטאָקראַט!

13

אַ דירה האָב איך געהאַט דאָרט א פיינע,
אין א פינסטערען קעלער דאָרטען,
האָב איך דען צו גאָט א טענה?
„חושך" קומט מיר על פי דין.
פון די גרויסע מיטינגען-סך'ען,
וואָס מענשען האָבען געלט אויפגעמאַכט,
ברייגנט מען אונז עסען און זאַכען.
אויף די באַהנען צום ים גלייך געבראַכט,
ווי מען זעצט אונז אַוועק אויף די שיפען,
ווערט פלוצלונג א גאַנצער געשריי:
זשאַנדאַרען האָבען מיין זוהן אָפּגערופען,
פערהאַפטעט, געפיהרט קיין ראָסיי.
פון מיין בכור, מיין איינציגען יורש,
קיין געריס עד היום ניט געהאַט,
טאָ נאָ דיר שוין „מכת בכורות"
און זיי שוין אוים אריסטאָקראַט.

14

פסח תקוה האָט אונז שוין צוגענומען,
געגעבען א פעטע שטיק ערד,
פערהאָלפען אין אביסעל מזומן
געקויפט מיר בהמות מיט פערד;
מיר בעאַרבייטען די קאָלאָניע גאַנץ פּראַקטיש,
פון צייטונגען ווערען מיר געהערט,
די וועלט קען עס זעהען אלעס פּאַקטיש
אַז דער איד איז אויך פעהיג צו ערד.
עס לערנען אונז די צרות, די נויטען:
אַז דער איד מוז זיין „איד" איבעראַל,
איין איד מוז זיך בינדען צום צווייטען,
זאָנסט געהט פערלאָרען דער „כלל".
אַז די מכות האָב איך אין רוסלאַנד געקריגען
עס איך היער די קניידלעך צו זאַט,
אין פעלד זינג איך מיט פערגעניגען,
אָט דאָס ליעד פון „אריסטאָקראַט"...

Band 6

מיליטער
וואָס מעהר,
אימער דעם שווערד אין האַנט!
ענגלאַנד מיט אינדיאַנער
שנאים פון דער וויעג,
טערקען מיט סלאַוויאַנער
אייביג שטרייט און קריעג.
דער שווערד
אויף דר'ערד
רוהט ניט איין מינוט,
רק שטרייט
און שניידט
אַז די ערד פארזינקט אין בלוט!

3

קוועק-זילבער איז מיין נאַטור,
און אידען מיין טעמפּעראַטור:
ווען זיי לייכט די צייט
די זון פון פרייהייט,
הויבט מיך אין דער הויך מיין קאָפּ.
ווען שנאה און קעלט
פערפריהרט זייער וועלט,
פאַל איך אראָפּ און אראָפּ!

4

ווארום גאָט בין איך אזוי געקוועלט,
ערגער פון דער גאַנצער וועלט!
מען זעהט דאָס פאָלק פאַלט
און מען בלייבט זיך גאַנץ קאַלט,
קיינעם גיט דאָס ניט אַ ריהר!
איך זאָל נאָר וואָס לעזען,
וואָס דאָרט איז געוועזען,
פערגליווערט דאָס בלוט גלייך אין מיר!

5

אין א שטאָדט אז עס טרעפט א בעפאַל,
אַ גזירה עס קומט אויפ'ן כלל,
א גאַזעט, אַ יודעפאָב
טרעט זיי אָן גראָב,
צעשפּרינגט מיר אויף שטיקער מיין האַרץ!
איך קען שוין ניט האָפען,
אויף עסען, אויף שלאָפען
ניט איבערצוטראָגען דעם שמאַרץ!

6

מיר בעשולדיגט א אידען אין סוד —
ברענט מיר דער ספק ווי גלוטה:
איז ער נעבאך ריין,
נאָר עס העלפט ניט זיין ניין,
פּלאַצט מיר בודאי מיין גאַל;
איז ער אַ בעל עבירה,
האָב איך דערפאר מורא
פאר דעם חילול השם אויפ'ן כלל!

7

אַ איד זאָל וואָס ניט פיינעס טהאָן,
פאַלט מען באלד אויפ'ן כלל אָן,
עס ווערט א געשריי,
זשיד און יעוריי,
כאָטש ער בייט שוין לאנג זיין גלויבען אויס;
פון די בעריהמטע פערזאָנען
וועט מען קיינמאָל דערמאָנען,
אז ער שטאמט פון אידען ארויס.

8

זעה איך א פערדאָרבענהייט עטוואס,
אַ איד גיט דאָרט א פאַלשע מאָס,
קיין סאָוועסט האָט ער גאָר ניט,
און טהוט וואָס מען טאָר ניט,
וויינט מיר מיין האַרץ אין דער שטיל!
איך ווייס, אַז דער דלות
ער מאַכט עס אַלעס,
דער גלות פערדאָרבט זיי זאַ פיעל!

9

ווען איך געה פארביי א שול
און זעה דאָרט שמוציגקייט פול,
גיט מיר אַ נעהם
דער חילול השם,
מיין בלוט שפּריצט פון הארצען ארויס;
מיר טראָגען דעם גלויבען
דעם ריינעם פון אויבען
און ווי שמוציג דאָס זעהט ביי אונז אויס!...

10

ווען איך זעה אַן אַריסטאָקראַט
פיהרט דאָרט א גאַנץ רייכען שטאָט,
בלייב איך אין אונמאכט,
ווען איך בעטראַכט:
וואָס האָט דאָס פאָלק פון איהם פּראָפיט?
אַקטריסעס מיט באָננעס,
די טהייערע מתנות,
און אויפ'ן כלל איין פעניג ניט!

11

האָסט מיך גאָט אין אזוי אַ צייט געבראַכט,
וואָס דאָ איז טאָג, און דאָ איז נאַכט;
דאָ שטעהען נאָך קאָזאַקען
די פאות אונז האַקען,
מען טרייבט אונז אין ראַבינער שול;
פּלוצלונג אַ ווינטער,
מען שטופט אונז אהינטער,
אין גימנאזיום זיינען אידען צופול.

12

איך ווייס גאָט, אַז דו ביסט גערעכט:
ישראל איז אַוועק שלעכט,
האָסט איהם אין יעדען לאַנד
געפיהרט פאר'ן האַנד,
פּלוצלונג ער וויל געהן אַליין,
פאָר אַ בחור אָן אַלטען
פאר'ן פאַלע זיך האַלטען,
זאָגט ער, עס איז איהם ניט שעהן.

13

ווי דו זעהסט ער בראַקירט מיט דיך,
האָסטו איהם געלאָזען פון זיך;
ער איז אַוועק
ווייט, ווייט אַ שרעק,
ער זינגט שוין גאָר א פרייע ליעד;
נאָר אַ באָסע-קאָמאַנדע
דערמאָנען איהם מיט שאַנדע,
אַז ער איז געבאָרען אַ איד.

14

אמת, אַזוי דאַרף ניט זיין,
ער איז אומגערעכט, ער לאָזט דיר איין,
פיהר-זשע זיך מילד,
מיט זיינעם א שולד,
פערזינדיגט, טאַ נעהם שמיים איהם אָפּ;
אָבער ווער קען עס דולדען,
אַז פאר די קליינע שולדען
דערלאַנגסט איהם מיט א דובינע אין קאָפּ?!

Nathaniel Arthur Entin

Nathaniel Arthur Entin is a many faceted individual. His major occupation is that of Hebrew Education in which field he enjoys an international reputation as an expert in audio-visual techniques. Competing for attention are his interests in music, art and drama. He is an excellent cantor possessing a rich bass-baritone voice that is equally at home in the operatic repertoire as in the simple, warm style of the yiddish folk song.

Backing this array of achievements are years of study and experience in all these disciplines. He is a graduate of the Teachers Institute of the Jewish Theological Seminary of America. He received his cantorial training at the Hebrew Union College of Education and Sacred Music where he earned an M.A. degree in Sacred Music. It was in doing research for his Master's Thesis that Cantor Entin came upon a collection of songs by Elyakum Zunser. Since that time he has lectured about Zunser and has sung his songs in many locales ranging from kibbutzim in Israel to summer camps in America, always revealing to delighted audiences the basic truths of Zunser's philosophy and the unaffected beauty of his melodies.

Cantor Entin is a Bostonian by birth, a New Yorker by professional training and a resident with his wife and two children of suburban Philadelphia where he is engaged as the Educational Director of the Beth Sholom Congregation Religious School, Elkins Park, Pa.

1963
MUSIC LP